NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04843

NAHES FUN KINDER

Yehudah Hayim Kotler

Permanent preservation of this book was made possible
by Herbert & Dianne Newman
in memory of
Celia Lifshitz Newman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נחת פון קינדער

(קינדער־שפיעל פאַר חנ״ב

— פון —

יהודה חיים קאַטלער

אַרויסגעגעבען פון
שמעון דריקערמאַן, 50 קאַנאַל סטריט, ניו יאָרק.

ניו יאָרק

תרפ״ו — 1926.

אָריאָם פרעס, 54 קאַנאַל סטריט, ניו יאָרק.

געווידמעט

צום אַנדענקען פון מיין טייערער מוטער **רבקה קאַטלער** ע"ה, וועלכע איז אומגעקומען אויף קידוש השם ג' תמוז תר"פ, אין די טרויערדיגע, שוואַרצע פּאָגראָם טעג אין רוסלאַנד.

געבענשט זאָל זיין איהר הייליגער נאָמען, תנצב"ה.

דער מחבר.

---

*) איינגעטימערין פון אַ הויז.

דער זיידע, די באָבע, די אייניקלאך און די לענדליידי זיצען ארום דעם טיש.

האַנדלונג

אָרט:

די האַנדלונג קומט פאָר ביי ר׳ אַברהם אין הויז, אין דיינינג רום *).

צייט:

די איצטיגע.

פּאַרשוינען:

ר׳ אברהם, דער זיידע.
אַ איד פון זעכציג, געקומען פון דער אַלטער היים.

ברכה	די באָבע, 58 יאָהר.	
מרס. גרינפעלד	לענדליידי, 55 יאָהר.	
דוד	דער זוהן, 37 יאָהר.	
חנה	די שנור, 35 יאָהר.	
מלכה	די טאָכטער, 35 יאָהר.	
שרה׳לע	12 יאָהר	אייניקלאך.
יאנקעלע	11 יאָהר	אייניקלאך.
איזי	10 יאָהר	אייניקלאך.
בערעלע	9 יאָהר	אייניקלאך.
היימי	11 יאָהר	אייניקלאך.
דזשייקי	8 יאָהר	אייניקלאך.
מירעלע	9 יאָהר	אייניקלאך.
עמי	12 יאָהר	אייניקלאך.
דזשעני	13 יאָהר	אייניקלאך.

---

*) עס־צימער.

סטיידזש *):

אײן טיר פיהרט צו די קיך. צװײטע טיר פיהרט צום ארױסגאנג. אויף די װענט — בילדער פון גוטע אידען.

ברכה:

אה, גאט פון אברהם, גאט פון יצחק און.... רבש"ע שוין עטליכע יאהר צייט אז איך און אברהמ'ל זיינען געקומען אין אמעריקע צו אונזערע קינדער, שוין עטליכע חנכה'ס ווי זיי קומען צו די באבען און זיידען, הײנט װעלען זיי אויך זיין; א דאנק דיר גאט, אזוי פיעל איבערגעלעבט דארטען און עס בײנקט זיך גארניט נאך יוראפ. אבער עס איז דאך ניט דאס װאס אין יוראפ, אפגעלעבט א לעבען דארטען, און דא איז אלעס פרעמד צו דיר, אבער עס איז דאך אמעריקע...... אוי א מכה אן אנשיקעניש איז דאס אין דער מדינה דער הארי־אפ, אימער מ'לויפט. קײנמאל קיין צייט נישטא. דעם אמת... װען ניט די יאגעניש װאלט גאר אזוי שלעכט ניט געװעזן. נאר איך זינדיג ניט, א דאנק דיר און א לויב דיר, דעם װאס איך טאר ניט דערמאנען די הענט ניט געוואשען.

קינד:

די לענדלארקע פון הויז וויל אריינגעהן.

ברכה:

אוי, אוי, איך קען דאך ניט רעדען איהר לשון, א קלאג צו מיר ניט, א בראך צו מיר ניט, איך פארשטעה דאך ניט קיין ענגליש, געווים דירה געלד, אמעריקאנער בעל־הבית'טעס, אימער זיי האבען מורא.... איך וועל שוין מיט דעם דירה געלד קיין יוראפ ניט אנטלויפען... (מרס. גרינפעלד קלאפט אין טיר)). אוי, א בראך איז צו מיר ניט, איך פארשטעה דאך ניט ווי מען זאגט

---

*) ביתנע.

אין ענגליש, אז זי זאָל אַריינקומען!... ע, איך האָב זיך דער־מאָנט: קוימען! קוימען!! [קאַם אין!] *).

מרס. גרינפעלד, (לענדלאַרקע):

וואָס מיינט איהר, דער רויך געהט ניט אין קוימען? מען דאַרף שוין ווידער פאַרריכטען דעם קוימען?

ברכה:

אַה, געזונט זאָלט איהר זיין, לעבען זאָלט איהר, דאָס האָב איך אייך געהייסען אַריין קומען! אַה, ווי פיין, איהר רעדט דאָך אַ גוטען אידיש?!!

מרס. גרינפעלד:

איך בין דאָך אַ אידישע טאָכטער, און איך בין ניט אַזוי שלעכט ווי די שכנים האָבען מיך פאַרווינט.

ברכה:

זאָל מען דאָס האָבען צום גלח׳ס טאָכטער, וואָס מען קען האָבען צו אייך.....

מרס. גרינפעלד:

פרובט טרעפען, ברכה, נאָך וואָס איך בין געקומען צו אייך היינט ביי נאַכט אין מיטן דרערינען?

ברכה:

וואָס איז דאָ צו טרעפען? ס׳איז באַלד דער ערשטער זייט איהר זיכער געקומען נאָך דירה־געלט.

מרס. גרינפעלד:

ניין, ניין, ס׳איז דאָך חנכה און איך האָב זיך פאַרביינקט נאָך אַ אידישע הויז, איך וויל זיך דורך רעדען מיט אייך..... דעם אמת געזאָגט האָב איך שוין לאַנג געוואָלט זיך בעקאַנען מיט אייך, גלויבט מיר ברכה איך בין אייך מקנא, אַ גאַנץ בענשונג זיינען דאָך אייערע קינדער....

---

*) קום אַריין.

ברכה:

מרס. גרינפעלד, איהר האט דאך קינדער גבירים...

מרס. גרינפעלד:

וואס מיר גבירים, ווען מיר גבירים, א ביסעל נחת! נחת פון קינדער זיינען מיליאנען. אלץ קריגט מען פאר געלד, אבער ניט קיין נחת... (פאזע.. מען קלאפט)

ווער קלאפט עס, ברכה, געהט עפענט, פליעז *).

ברכה:

זיצט דא אביסעלע, דאס איז מיין אלטינקער, ער שלעפט זיך פון שוהל אויף די טרעפ. (אפ)

מרס. גרינפעלד, (אליין):

אה, וואס איז דאס א תחינה?.... טייערע מענשען זיינען זיי, ווי ציכטיג זיי האלטען די הויז, ס'שמעקט דא אין הויז די געפרעגעלטע לאטקעס.....

אה, יעצט ווען איך שטעה דא, דערמאן איך זיך אין די שעהנע, שעהנע חנכה אווענטען אין דער אלטער היים.....(פאזע) וואס מיר געלד, וואס מיר רייכטום, וואס מיר הייזער... (פאזע)

ס'פרעסט מיר דא אויפ'ן הארצען....

אברהם:

א גוט אווענט!

ברכה:

א גוט יאהר, דו ווייסט, אברהם'ל, מיר האבען א גאסט, די בעל-הבית'טע פון הויז איז דא.

אברהם:

וואס? שוין דער ערשטער? דירה-געלט? אוי, וועה, וועה, ווי ברענגט מען אונזער כאלופע פון יוראפ?

---

*) ביטע.

מרס. גרינפעלד:

נייִן, רבי אברהם, איך וויל הערען ווי איהר בענשט חנכה־ליכט, כ'ליעב צו זעהן ווי אייערע קינדער און אייניקלעך פאַר־ברייִנגען מיט אייך. און גלויבט מיר פון טיעפען הארצען ווינש איך אייך אַז איבער אַ יאהר, זאָלט איהר האָבען אַן אייגען הויז.

אברהם:

אָה, ווער דאַרף דאָס אַזעלכע הויכע הייזער! מיר וועלען וואַרטען מיט בענטשען חנכה ליכט ביז די קינדער וועלען קומען, זיי אַרבייטען נעבעך שווער, זעהר שווער, זיי וועלען שוין באַלד אַנקומען. (רייבט די הענט, פּאַוזע....)

ברכה לעבען, אפשר וואָלסטו געוועזן אַ בריה און קענען רעדען אין טרופקע *) צו זיי און זאָגען אַז זיי זאָלען קומען.

ברכה:

ווי געפעלט אייך מיין תלמיד חכם? מיך שיקט ער רעדען אין טרופקע, איך קען רעדען אַז איך זעה יענעם אין פּנים.

אברהם:

אָה, דאַן רעדסטו שוין צופיעל!

ברכה:

צו שפּעט האָסטו זיך אַרום געזעהען, מיין אַלטינקער, אָבער געה רעד צו אַ טרופקע, אַמעריקאַנער קונצען, איך בין נאָר אַ בריה אין מיין טייטש־חומש.

מרס. גרינפעלד:

נו ברכה, האָט איהר כאָטש אַנגעגרייט גוטע זאַכען פאַר אייערע קינדער און אייניקלעך?

ברכה:

אַ יע, לאַטקעס היימישע, פּינקטלעך ווי אין דער היים, מיט געגזענע שמאַלץ, עס האָט אַ טעם גן עדן.

(קומען שנור, זוהן, טאָכטער)

---

*) טעלעפאָן.

זוהן:

א גוטען אווענד, טאטע, מאמע! וואס מאכט איהר? מיר זיינען שפעט? די קליינוואַרג ווילען געהן אריינמארשירען ווי סאלדאטען, און זינגען העברעאישע ליעדער, זיי ווילען אייך מאכען א סורפרייז *).

אברהם:

אי איז דאס א חברה, געזונד זאלען זיי זיין!

(קינדער מארשירען מיט פלעג **) און געזאנג).

נס ציונה

א:

שאו ציונה נס ודגל
דגל מחנה יהודה —
מי ברכב, מי ברגל,
נעש נא לאגדה.
יחד נלכה נא נשובה
ארצה אבותינו
אל ארצנו האהובה
ערש ילדותנו.

ב:

שובו, שובו ממרחקים
ארצה, ארץ אבות,
נוסו נוסו ממעמקים
בעזרת שוכן ערבות
אז עם נהיה כמו היינו,
מנו יתד פנה.
אז אך שחוק ימלא פינו
ולשוננו רנה.

---

*) אן איבעראַשונג. **) פאהנען.

ג.

רוח יואב תלבישנו
רוח גבורת צדקה.

Nes Zijono.

Allegretto.

Arr. by HENRY A. RUSSOTTO.

No. 4.



בעד עמנו, בעד ארצנו
חזקו ונתחזקה.
אל נא יבא מרך בנו
מפני חרב יונה —
נקח נא מה שלנו
נשא נס ציונה!

טאכטער:

טאטע! דוד האט נישט געקענט קומען ער איז געווארען א פארמאן, ער איז יעצט זעהר ביזי.

אברהם:

וואס? א פורמאן, א בעל עגלה? אין דער היים איז ער געווען א ישיבה בחור און דא א פורמאן..... א גאלדענע מדינה....

טאכטער:

ניין טאטע, ער איז געווארען דער עלטסטער איבער די ארבייטער.

אברהם:

וואס זאל איך דיר זאגען? דו האסט שוין אנגעהויבען רעדען צו מיר אין א מאדערנעם לשון, פורמאן, ביזי *), בזיונות. איך בין שוין צו אלט זיך אויסלערנען א נייעם לשון.

ברכה:

אויפ'ן תהלים איז ער מעהר בריה.

אברהם:

אל־רייט! **).

אייניקעל:

א' ויידע רעד שוין ענגליש?!!

(זיידע הויבט זיך אויף און וואשט די הענט)

---

*) באשעפטיגט. **) אלעס ריכטיג.

אברהם:

ברכה, וואו זיינען די חנכה ליכט?

(זי גיט איהם די ליכט און ער בענשט 3 ברכות)

ברכה:

נו, און וואו איז הנרות הללו?

אברהם:

הנרות הללו וועלען מיר זינגען אלע צוזאמען.

קינדער:

גוט ווידעניו.... (מען זינגט)

הנרות הללו

אנחנו מדליקים
על הנסים ועל הנפלאות,
ועל התשועות, ועל המלחמות,
שעשית לאבותינו, בימים ההם, בזמן הזה,
על ידי כהניך הקדושים.
וכל שמונת ימי חנוכה,
הנרות הללו קודש הם,
ואין לנו רשות להשתמש בהם,
אלא לראותם בלבד,
כדי להודות ולהלל לשמך הגדול,
על נסיך ועל ישועתך,
ועל נפלאותיך.

ברכה:

נו, און וואו איז מעוז צור ישועתי?

אברהם:

קינדערלעך זינגט מיט מיר. (מע זינגט)

מעוז צור ישועתי,
לך נאה לשבח,
תיכון בית תפלתי,
ושם תודה נזבח,
לעת תכין מטבח,
מצר המנבח,
אז אגמור,
בשיר מזמור,
חנוכת המזבח.

Feast of Dedication חנוכה

Mo-os Tsur Yeshuosi מָעוֹז צוּר יְשׁוּעָתִי

53



רעות שבעה נפשי,
בינון כחי כלה,
חיי מררו בקושי,
בשעבוד מלכות עגלה,
ובידו הגדולה,
הוציא את הסגולה,
חיל פרעה וכל זרעו,
ירדו כאבן במצולה.

דביר קדשו הביאני,
וגם שם לא שקטתי,
ובא נוגש והגלני,
כי זרים עבדתי,
ויין רעל מסכתי,
כמעט שעברתי,
קץ בבל,
זרובבל,
לקץ שבעים נושעתי.
קץ...

כרות קומת ברוש,
בקש אגגי בן המדתא
ונהיתה לו לפח ולמוקש,
וגאותו נשבתה,
ראש ימיני נשאת,
ואויב שמו מחית,
רוב בניו וקניניו,
על העץ תלית.
רוב...

יונים נקבצו עלי,
אזי בימי חשמנים,
ופרצו חומות מגדלי,
וטמאו כל השמנים,
ומנותר קנקנים,
נעשה נס לשושנים,
בני בינה,
ימי שמונה,
קבעו שיר ורננים.
בני...

אברהם:

בערעלע קום אהער צום זיידען.

בערעלע:

יע זיידעניו.

אברהם:

געהסט אין חדר?

בערעלע:

יע זיידעניו.

ברכה:

וואס לערנסטו?

בערעלע:

חמש, תנך, העברעאיש, לעזען, שרייבען.

אברהם:

קענסטו פארטייטשען דעם על הנסים אין סדור?

בערעלע:

יע זיידעניו. (ער פארטייטשט)

אברהם:

נו, זאל שוין זיין גענוג. איך זעה שוין אז דו קענסט (צו אן אנדער אייניקעל) און דו, מיין נחת, דערצעהל דו עפעס, אדער זאג א שיר אין העברעאיש.

יאנקעלע:

גוט, זיידעניו, איך וועל דעקלאמירען „לחנכה".

(דעקלאמירט)

רעקלאמאציע
לחנוכה

שרי צבא פה כלנו,
חשמונאים קטנים אנו,
ולהלחם כמו הגדולים,
אנו יודעים ויכולים,
כלי מלחמה לנו די —
מגן לנו אדני!

כובעי ברזל על ראשינו,
חרבות ברזל על מתנינו,
קבץ נקבץ חיל נערים,
מבתי ספר וחדרים,
ונשיר: „עוד עמנו חי!
מגן לנו אדני!“

ובעת יפלו כל אויבינו,
שוב נשובה אל ארצנו,
והתפלאו אז ההורים:
אך הללו הם גבורים!
הידד, עוד עמנו חי —
מגן לנו אדני!

איזי:

פאפא, הי היטס מי, הי טינקס ביקאז הי העז 95 אין אריטמעטיק הי איז עווערי טינג.*

---

*פאפא, ער שלאגט מיך, ער דיינקט דאס אז ער האט 95 אין רעכע־נען איז ער שוין אלעס.

(קינדער שפּילען אין דאָמינאָ און דריידעל)

איך וועל דיר ווייזען אַ פּיטו! *).

בערעלע:

עס איז מיר שוין נמאס געוואָרען צו שפּילען אין דריידעל. לאָמיר בעסער עפּעס דעקלאַמירען פאַר'ן זיידען און איהם ווייזען וואָס מיר קענען.

היימי:

ע. דו ביזט אַ חכם. דו ווילסט זיך אַרויסווייזען מיט דיינע קענטעניש און קריגען פון זיידען מעהר חנוכה געלד. און איך זאָג דיר אַז מיר וועלען דאָס ניט דערלאָזען.

דזשייקי:

ווייסט איהר וואָס? איך וועל אַן עצה געבען. לאָמיר אַלע צוזאַמען דעקלאַמירען עפּעס אַ גרויסע זאַך און יעדער פון אונז זאָל זאָגען אַ טייל דערפון נאָכ'ן נעקסט **), ווי דער לערער מאַכט מיט אונז אין חדר.

מירעלע:

זעהסטו, דאָס איז טאַקע אַ גוטע עצה, און עס איז מיר געפעלען. מיר וועלען דעקלאַמירען „אונזער שטרעבען" און איך וועל טאַקע אָנפאַנגען.

עטי:

ניין, זאָל בעסער בערעלע אָנפאַנגען.

דזשעני:

זאָל זיין בערעלע, אַבי פאַרמאַכט שוין אייערע מיילער.

אַלע:

נו בערעלע? וואָס שטעהסטו, פאַנג אָן.

(מען דעקלאַמירט „אונזער שטרעבען" פון י. ז. שובין)

---

*) קלעפּ. **) מיט אַ סדר.

אונזער שטרעבען

.1

ווי־לאַנג עס ברענט נאָך ביי דעם אידען
טיעף אין הארץ אַ פינטעל איד;
און בלוט־אויגען פלאַמען, זיעדען,
און עס זינגט זיך נאָך אַ ליעד, —
איז ניט פערלאָרען אונזער שטרעבען
אונזער אַלטער טרוים נאָך וואַכט —
דאָרט אין ציון ווידער לעבען,
פול אין גלאַנץ און הייליג פּראַכט.

.2

ווי־לאַנג עס וועלען נאָך בעוויינען
אונזער צער אַ אידענס אויגען,
און איבער קברים פון די אָבות,
וועט זיך אַ אידיש רוקען בויגען, —
איז ניט פערלאָרען, א. ז. וו.

.3

ווי־לאַנג דעם חורבן וועט בעגיסען
פון איין אויג איין טרעהר אפילו,
און ביים כותל וועט נאָך פליסען
דאָרט אַ אידיש הייסע תפלה, —
איז ניט פערלאָרען, א. ז. וו.

.4

ווי־לאַנג מיט שטאָלץ וועט נאָך דער ירדן
זיינע וועלען ווייטער טרייבען,

און ים כנרת מיט'ן ירדן
וועלען נאָך פעראייניגט בלייבען, —
איז ניט פערלאָרען, א. ז. וו.

.5

ווי-לאַנג נאָך דאָרט אויף אלע וועגען
זיצט זי, בת-ציון, אין געוויין;
אַרום די חורבות אויף די שטעגען
זי יאָמערט, קלאָגט, פערוויסט, אליין, —
איז ניט פערלאָרען, א. ז. וו.

.6

ווי-לאַנג עס פליסען גאָר אַהן מאָס
פון דעם אידענס אויגען טרעהרען,
און פון פריהמאָרגען ביז נאָך חצות
לאָזט א ציון-קלאָג זיך הערען, —

.7

ווי-לאַנג עס פליסט נאָך בלוט אין אָדער,
און דאָס הארץ אין אידען וואַכט,
ווי-לאַנג עס פרישען-אָב די קברים
טראָפּען טהוי פון איבער-נאַכט, —
איז ניט פערלאָרען, א. ז. וו.

.8

ווי-לאַנג דאָס פאָלק האָט שטאָלץ-געפיהלען,
און עס שטרעבט אַהיים צוריק,

וועט נאָך גאָט זיין צאָרן שטילען,
אוּן וועט נאָך שיינקען אייביג-גליק, —
איז ניט פערלאָרען, א. ז. וו.

9.

זאָגט-זשע ברידער, גלות-ביינער,
אויב איהר לעבט, איהר ווילט נאָך לעבען
ווי-לאַנג אַ איד וועט לעבען איינער,
לעבט נאָך דאַן אויך אונזער שטרעבען!
איז ניט פערלאָרען, א. ז. וו.

10.

ווי-לאַנג חלוצים אויף אַלע שטעגען
אין הייליג לאַנד אין גאַנצע רייהען,
זיי קומען ריכטען אוים די וועגען
דאָס לאַנד מיט ליעבע צו בענייען, —

איז ניט פערלאָרען אונזער שטרעבען,
אונזער אַלטער טרוים נאָך וואכט, —
דאָרט אין ציון ווידער לעבען,
פול אין גלאַנץ און הייליג פראַכט!

ב ר כ ה:

(צו אז אייניקעל) איך האב געהערט אז דו קענסט זינגען שרה'לע, אנו, לאמיר עפּעס הערען, נאר אין אידיש.

ש ר ה ' ל ע:

גוט מיר'ן זינגען „משה'לאך, שלמה'לאך". (זי זינגט)

משה׳לאך און שלמה׳לאך

פון ח. נ. ביאליק

אונטער די גרינינקע בוימעלאך
שפילען זיך משה׳לאך, שלמה׳לאך,
ציצית, קאפאטקעלאך, פאה׳לאך,
אידעלאך פריש פון די אייערלאך.
גופים׳לאך, שטרוי און פעדערלאך,
נעם און צובלאז זיי אויף גלידערלאך,
כאפען זיי אויף גרינגע ווינטעלאך
און עס צוטראגען זיי פויגעלאך...

נאר איין זאך פארמאגען זיי — אייגעלאך,
די אייגעלאך פארמאגען צוויי פינטעלאך
וואס גליהען און פינקלען און טוקען זיך,
און עפעס ווי נביאי׳ש און וואונדערלאך.
פארטראכטען זיך טיעף און פארקוקען זיך,
אויף נעכטיגע טעג און אויף פייגעלאך.
אוי, מיר זאל זיין, אידישע קינדערלאך,
פאר אייערע כשר׳ע אייגעלאך!...

MOISCHELACH and SCHLOIMELACH

Poetry by C. N. BIALEK. (Russia)

Music by PLATON BROUNOFF. (New York, U.S.)





אלע:

זי זינגט זעהר גוט, זינג נאך עפעס.

(זי זינגט, אפלאדיסמענטען)

אברהם:

און איהר מיינע טייערע אייניקלאך, דערציילט אונז וואס פאר א היסטארישער יום טוב איז חנכה? זאלן מיר הערן איהר האט דאך געווים געלערנט?

יאנקעלע:

מיר ווייסען, מיר וועלען אלע דריי צוזאמען דערציילען.

אברהם:

דאן וועט אייך שוין קיין חנכה געלד ניט פעהלען.

יאנקעלע:

אמאל, ווען די אידען האבען געלעבט אין זייער אייגען לאנד, אין ארץ־ישראל, האבען זיי איינמאל געהאט א שלעכטע צייט. די גריכען זיינען געווארען די בעלי־בתים פון לאנד און האבען אונטערדריקט דאס פאלק. זיי האבען ניט געלאזען די אידען אפהיטען זייערע מנהגים און דיענען צו זייער גאט. זיי האבען געצוואונגען די אידען צו רעדען אויף דער גריכישער שפראך און היטען גריכישע מנהגים, און עס האט זיך אויך געפינען אידען פון די רייכע לייט, וואס האבען אנגעהויבען צו קליידען זיך גריכיש, צו רעדען גריכיש און צו העלפען די גריכען איינצופיהרען אלץ וואס עס איז גריכיש אינ'ם אידישען לאנד. און די גריכען איז דאס אלץ נאך ווייניג געווען, האבען זיי אריינגעשטעלט א סטאטוע פון זייערען א גאט אין דעם בית־המקדש, אינ'ם אידישען הייליגען טעמפעל און זיי האבען געבויט מזבחות איבערן לאנד און געהייסען די אידען מקריב זיין קרבנות פאר די גריכישע געטער. איינמאל זיינען די גריכען געקומען אין שטעדטעל מודעים, זיי האבען אויפגעשטעלט לעבען טויער פון שטאדט א מזבח צו זייער אפגאט און זיי האבען צונויפגעטריבען צום מזבח אלע איינוואוינער פון מודעים.

מירעלע:

און אין שטעדטעל איז געווען אן אלטער מאן, א כהן, מתתיהו האט ער געהייסען, דאס איז געווען א הויכער שטאלצער

מאן מיט א לאנגער ווייסער בארד, ער איז געווען איבערגעגעבען זיין פאלק און זיין גאט, און ער האט געהאט פינף זיהן, הויכע, שטאלצע און שטארקע ווי ער, נאר פיל יונגער פון איהם.

און דער האר פון די גריכען האט געפרעגט: ווער איז דער אנגעזעהענסטער פון די כהנים ביי אייך אין שטאדט?

מען האט איהם אנגעוויזען אויף מתתיהו'ן.

די גריכען האבען גענומען דעם אלטען מתתיהו און געפיהרט איהם צום מזבח, און די פינף זיהן זיינע, פינף אייזערנע מענשען, האבען די ציין פארדריקט און שטיל נאכגעגאנגען נאך זייער פאטער, ווייל דער פאטער האט זיי אזוי געהייסען. דער האר פון די גריכען האט פארגעלייגט מתתיהו'ן ער זאל טאן דעם ווילען פון דעם גריכישען קעניג און מקריב זיין א קרבן צום גריכישען גאט, און ער האט דערפאר צוגעזאגט מתנות. אבער מתתיהו האט זיך אפגעזאגט און זיך אויסגעלאכט פון די געצענדינער מיט זייערע מתנות.

דעמאלט האט דער גריכישער האר איהם אנגעהויבען צו שרעקען מיט'ן טויט, אבער מתתיהו איז ביי זיינס פארבליבען און געזאגט, אידען קאנען שטארבען!

דזשייקעלע:

פלוצלונג איז ארויס איינער פון פאלק, א איד, און האט מיט א מעסער דערשטאכען דעם חזיר קרבן אויפ'ן מזבח, אבער תיכף איז שוין דאס מעסער פון דעם זינדיגען ברוסט ארויס גענומען געווארען, עס צום פאלק אויפגעהויבען און אויסגעשריען: ווער עס איז פאר דעם פאלק און פאר דער תורה, זאל געהן נאך מיר, און פינף מענשען, פינף ריזען, האבען איהם די ערשטע ארומגערינגעלט—דאס זיינען געווען זיינע פינף זיהן און נאך זיי צעהנדליגע און הונדערטע פון פאלק, קיינער איז פון ווייטען ניט געבליבען און עס האט אויפגע־פלאקערט אן אויפשטאנד. מתתיהו'ס צווייטער זוהן, יהודה המכבי, דער העלדישסטער פון זיינע ברידער און פון אלע אידען.

איז געווארען דער פיהרער. נאך א לאנגען קאמף מיט די גריכען האבען די אידען געזיעגט, זיי האבען ארויסגעטריבען די גריכישע סאלדאטען פון לאנד, האבען צובראכען און אויס־געראמט די גריכישע געטער און אויסגערייניגט דעם היילינגען טעמפעל. די אידען האבען זיך געפרעהט מיט זייער בעפרייאונג פון דעם גריכישען יאך און האבען אכט טאג נאכאנאנד א יום טוב געפייערט און אילימונאציעס געמאכט. און צום אנדענקונג פון דעם אידישען זיעג פון דער אידישער באפרייאונג און פון זייער דאמאלדיגער אילומינאציע, מאכען מיר אונזער יום־טוב חנוכה און צינדען חנוכה־ליכט. (קינדער פאטשען בראווא. זיידע קושט זיי אין די שטערענס און גיט זיי חנוכה־געלט).

מרס. גרינפעלד:

רבי אברהם, יעצט לויפען מיר דורך מיין געדאנק די היימישע בילדער. איך בין אהער געקומען אין אמעריקא אן ערוואקסען מיידעל, און דאך געדענק איך נאך ווי היינט מיין פאטער אונז צו לאנגע יאהר, אז עס איז געקומען חנוכה אווענד, ווי ער איז נאר געקומען פון שוהל, האבען מיר זיך געפיהלט יום־טוב׳דיג. די חנכה מנורה אויפ׳ן טיש מיט די חנכה ליכטלעך, פון קיך האט זיך געטראגען א ריח פון געפרעגעלטע לאטקעס, שמאלץ, דער טאטע איז ארומגעגאנגען א שטראלענדער איבער׳ן הויז, געקייעט זיין בארד און זיך אונטערגעברומט הנרות הללו. מיין מאמע מיט די דינסט זיינען געווען פארארבייט ביי די לאטקעס אין קיך, און מיר קליינווארג האבען געווארט פאר חנכה געלד.

אין אווענט פלעגט זיך ערשט אנפאנגען דער חנכה, מען שפילט אין דאמינע, און מ׳קריגט זיך, מ׳ווערט שלום, מען עסט לאטקעס, דער גרויסער סאמאוואר איז געשטאנען אויפ׳ן טיש און זיך געבעטען אז מ׳זאל פון איהם טיי טרינקען, ביי דעם טיש האט מען געשמועסט פון אלעם אין דער וועלט. וועגען מסחר, וועגען אידישע נייעס, אך, ווי שנעל די מענשליכע יאהרען

לויפען אוועק, היינט בין איך אליין א באבע, און דא זיצענדיג האט זיך אלעס אפגעפרישט אין מיין געדאנק..... אלע מיינע קינדערשע איבערלעבונגען.

(פאזע....אלע פארטראכט א ווילע, די קינדער שפילען)

אברהם:

ברכה, ברייננ אריין אביסעל ווייז׳ בראנפען, און נאכהער די לאטקעס.

מרס. גרינפעלד:

איך וויל פארדינען כשר מיין חלק לאטקעס, איך וועל אויך געהן העלפען.

(ברכה און מרס. גרינפעלד אפ)

אברהם:

דו ווייסט מיין זוהן, דאס איז די בעל־הבית׳טע פון הויז, איהר האט זיך פארביינקט נאך א יוראפישע חנכה, זי איז׳ זאגט די מאמע, דא פון 7 אזייגער אן.

(ברכה און מרס. גרינפעלד טראגען טעלער מיט לאטקעס).

קינדער:

זודיגע הייסע לאטקעס עסען מיר.....

(געזאנג פארשטיקטע מיט לאטקעס)

בערעלע:

איך וועל אייך דעקלאמירען א שעהנע פאעמא פון מ. ראזענפעלד, עס וועט אייך יעדען כ׳לעבען געפעלען.

קינדער:

אנו, לאמיר הערען.

(דעקלאמאציע)

מרס. גרינפעלד:

ר׳ אברהם בעט זיי זינגען א אידישע זאך.... אוי, אלע מיינע קינדערלאך און אייניקלאך קענען זינגען, שפילען, נאר

אַלעס פרעמדע זאַכען, אָבער עס פעהלט די געשמאַקקייט וואָס איך האָב געפיהלט אין די אידישע נגונים, עס ווערט מיר אַזוי גוט...... זינגט, זינגט טייערע......

אברהם:

זינגט מיינע קינדערלעך עפּעס אַ אידישע ליעד.

בערעלע:

מיר וועלען זינגען זיידעניו, מיר וועלען זינגען „חנוכה ליכט".

אברהם:

גוט זינגט.....

חנוכה ליכט

פון מאָררים ראָזענפעלד

אָ, איהר קליינע ליכטעלאך!
איהר דערצעהלט געשיכטעלאך,
מעשהלאך אָהן אַ צאָהל.
איהר דערצעהלט פון בלוטיגקייט,
בריה'שאַפט און מוטהיגקייט,
וואונדער פון אַמאָל.

ווען איך זעה אייך שמינקלענדיג,
קומט אַ חלום פינקלענדיג
רעדט אַן אַלטער טרוים:
„איד, דו האָסט געקריעגט אַמאָל,
„איד, דו האָסט געזיעגט אַמאָל" —
נאָט! דאָס גלויבט זיך קוים...

„ס'איז ביי דיר א טאָלק געווען,
„ביזט אמאָל א פאָלק געווען,
האָסט אמאָל רעגירט ;



Copyright MCMXVII by Henry Lefkowitch

„האָסט אמאָל א לאַנד געהאַט,
האָסט אמאָל א האַנד געהאַט!—,
אך, ווי טיעף דאָס ריהרט!

אָ, איהר קליינע ליכטעלאך!
אייערע געשיכטעלאך
וועקען אויף מיין פיין;
טיעף אין הארץ בעוועגט עס זיך,
און מיט טרעהרען פרעגט עס זיך:
וואָס וועט איצטער זיין?...

זוהן:

קום טאַטע פארזוכען די מאַמעס לאַטקעס.

אברהם:

אויב עס איז דא וואס....

טאָכטער:

ליעבער פאַטער און מוטער, ווי גליקליך איך פיהל זיך דא ביי אייך, איך פרעה זיך וואס אונז איז געלונגען אייך אריינברענגען קיין אמעריקע. מיר פיהלען זיך יעצט ניט עלענד, דורך אייך מיינע עלטערען זיינען מיר מעהר געוואָרען באַפריינדעט, און איך בין שטאָלץ און גליקליך וואס איך דאַרף זיך ניט שעמען מיט מיינע קינדער, זיי קענען זיך צונויפרעדען מיט אייך און געהען אין אידישען גייסט, און מיינט ניט מיינע ליבע עלטערען, אז מיר האבען דא אימער געלעקט האָניג, מיר האבען דא געהאט ביטערע צייטען, דוד, איז ארומגעגאַנגען ליידיג אהן ארבייט. איך האב וועש געוואשען, פלאָרס *) פאַר פרעמדע געוואשען, אבי נאר צו פארדינען פאר מיינע קינדער א שטיקעל ברויט, און גלויבט מיר מיינע ליבע עלטערען, מיר האבען

*) דיעלען.

ניט בעגעסען און געשיקט די קינדער אין חדר לערנען. און מיין
הארץ קוועלט איצט פאר נחת, זעהענדיג ווי שעהן בערעלע
האט זיך אוועקגעשטעלט זאגען דעם על הנסים. פון די לעצטע
האבען מיר געצאלט..... נאר א דאנק גאט, איך דערמאן
דאס אין פריידען. מיר פעהלט יעצט קיין זאך ניט, איך בין
נישט עלענד. איך האב גוטע ערצויגענע קינדער, איך פארקויף
ניט מיין היינטיגען נחת פאר מיליאנען.

זוחן:

איהר זעהט טאטע, מאמע, אומזיסט האט איהר געצוויי־
פעלט אין אייערע קינדער, מיר זיינען אזעלכע גוטע אידען
ווי איהר אין אונזערע יאהרען. איהר האט זיך ניט געהאט
וואס צו שרעקען פאר אמעריקא. דאס לאנד איז ניט שולדיג.
אויך אין דעם לאנד קען מען ערציהען ערליכע מענשען, טרייע
קינדער צו אונזער פאלק. זעהט איהר אז מען וויל קען מען
ערציהען א שטארקען דור מיט ליעבע צו אונז. איז ניט א
פארגעניגען זיך צו צוהערען ווי אונזערע חברה רעדען וועגען
אידישקייט.

אברהם:

קינדער, פון אנפאנג ווען איך בין אהער געקומען האב איך
זיך דערשראקען פאר אמעריקע, אלעס איז מיר געווען אזוי
פרעמד און איין גאט ווייסט דעם אמת, אז איך האב געדיינקט
וועגען צוריק פאהרען א היים. צו וואס? כ׳האב געוואוסט אז
פארען צוריק, הייסט הונגער לייִדען, נישט זיין זיכער מיט
די עטליכע יאהר וואס גאט שענקט אונז, און דאך האב איך
געוואלט צוריק פארען. אבער איך זעה אז דאס איז געווען א
נארישקייט פון מיר, מען קען דא אויך זיין ערליכע אידען.....
איך שטאלציר מיט אייך קינדער..... איך בין גליקליך מיט אייך
קינדער מיט דעם ביסעלע נחת. יע, נחת פון קינדער איז אלעס...

שנור:

וואס ווייסט איהר מרס. גרינפעלד, ווי שווער ס'איז אונז אנגעקומען אראפצובערענגען דעם שווער און שווינגער מיט די צוויי קליינע קינדער פון יוראָפּ. מיין מאַן איז קיין וואשינגטאָן געפאָרען. דעם אמת געזאָגט האָבען מיר געקענט האָבען די בעסטע לינקאָלן קאַר *) פאַר דעם געלד, נאַר ווער דאַרף דאָס קאַרס? היינטיגען אָוועגט פאַרברייגגען מיט דעם שווער און שווינגער איז מיר בעסער ווי אַ קאַר... (פּאַוזע)

מיין מאַן מאַכט אַ לעבען, קיין רייכטום פאַרלאַנגען מיר ניט, מיינע פיער קינדערלעך זיינען מיין רייכטום. מיר ערציהען זיי, מיר לערנען זיי, און דאָס איז די גרעסטע פאַרגעניגען אין מיין לעבען, נחת פון קינדער איז אַלעס אין דער וועלט, יע, נחת פון קינדער איז אַלעס.....

ברכה:

געזונט זאָלט איהר זיין, טרינקט אביסעל ווייו, טרינקט טרינקט מרס. גרינפעלד.

(זי נעמט די גלעזעל)

מרס. גרינפעלד:

לחיים, איהר ווייסט אַלע אַז איך בין מרס. גרינפעלד, אָדער ווי מיינע שכנים רופען מיך, די שלעכטע לענדלאָרקע....

ברכה:

נאָכ'ן ערשטען איז זי גאָר ניט אַזוי שלעכט.....

מרס. גרינפעלד:

איך האָב אימער געלעבט אין טעות, יאָ, איך האָב געדיינקט אַז רייכטום איז אַלעס. איך האָב הייזער, אויטאָמאָבילס, צירונג, דיימאָנדס, מיינע קינדער זיינען לאָיערס **), דאָקטוירים, שוואַר־צע שטעהען ביי זייערע טירען.

*) אויטאָמאָביל. **) אַדוואָקאַטען.

ב ר כ ה :

נו, איז שלעכט?

מרס. גרינפעלד :

יע, שלעכט, שלעכט! ברכה, פיהלט מיר מיט, צוויי וועלטען בין איך מיט מיינע קינדער, ווייסען זיי פון אידישקייט, פון אידישע ימים טובים? זיי ווייסען איינצולאַדען די „אַלד־ליידי" *) אויף אַ פּאַרטי **). ווען מאַכען זיי אַ פּאַרטי, ווען מ׳פּוצט אויס די הויז מיט אַ יאָלקע, דאָס זיינען זייערע ימים־טובים, און יעצט צו דער עלטער פיהל איך זיך אַזוי עלענד, ווייט זיינען מיינע בלוט און פלייש פון מיר, פרעמד, פרעמד! אַה, גאָט! און וועמענס שולד איז דאָס? מיינע, מיינע. איך האָב זיך געיאָגט נאָכ׳ן דאָלאַר און פערנאַכלעסיגט די אידישע ערציהונג. איך האָב זיי געמאַכט פאַר גרויסע מענשען, לאָיערס, דאָקטוירים, רייכע אָפיסעס ***), שוואַרצע שטעהען ביי זייערע טירען, אבער איך האָב פאַרלאָזען זייער אידישע ערציהונג, און מיר קומט יעצט די עלענדקייט. ווי גוט איך פיהל זיך דאָ, ווי אידעשלעך די קינדער רעדען דאָ. איך גיב אַ טויזענד דאָלער פאַר דער ת״ת וואו איהר לערענט. איך וועל געבען אַ טויזענד דאָלאַרדינגען טשעק.

ר י י ט ש ע ל :

בעסער קעש ****). אַ טשעק קען האָבען לאַנגע פיס.

מ י ר ע ל ע :

הורריי, פאַר מרס. גרינפעלד! (אַלע הורריי)

מרס. גרינפעלד :

זאָלען קינדער האָבען ווי צו לערנען, איך בין אייך מקנא.... ווער קען כאַפּען די נאַרישע יאָהרען צוריק...... אַלץ קריגט מען פאַר געלד, אַלץ פאַר געלד, אבער ניט קיין נחת פון קינדער נחת פון קינדער איז אַלעס.

(פאַלט אויפ׳ן טיש און וויינט)

---

*) אַלטע מאַדאַם. **) אַן אונטערהאַלטונג. ***) קאַנטאָר.
****) מזומן.

רייטשעל:

זי באַווײנט די טויזענד דאָלער וואָס זי האָט נאָך ניט נעגעבען.

זוהן:

נעבעך עלענד, האָט קינדער און האָט זיי ניט.

ברכה:

אזאַ יאָהר אויף מיר ווי גערעכט זי איז....

זוהן:

מרס. גרינפעלד האָט אַרויפגעוואָרפען אַן אומעט אויף אונז, קומט, כ׳לעבען, אַ יוראַפּיש טענצעל, מיט די אַמאָליגע התלהבות מיט אַמאָליגען פייער.

(מען זינגט און מען טאַנצט)

פאָרהאַנג פאַלט